## צו מיין צוואנציג יאָהריגען געבורטסטאג.

ס'האָט מיך ווער אין א טויט-לעבעדיג שטיק מאטעריע פערוואנדעלט און וואָס אין מיר אריינגעבלאזען וועלכעס נאָגט, ציהט, פּיהלט, בענקט, שטרעבט, ליידט און פּלאָגט מיך פאר דער גאנצער צייט פון מיין אונגליקליך-גליקליכען „זיין".

מיט דער אונבעמערקבארער שנעלקייט פון א בליץ האָט מיר ווער געפיהרט דורך די פערשיעדענע „חדרים" פון בלינדען „זיין" און מיר ענדליך דערפיהרט צו דער הויף פון צוואנציגסטען עטאזש פון לעבען....

אצינד שטעה איך אויפ'ן קבר פון מיין צוואנציג-יאָהריגען „זיין" און בליק יאוש'דיג ארונטער צו דעם „תהום" פון מיין פערגאנגענהייט און זוך דאָרט דעם „זין" און צוועק פון מיין „זיין" וועלכער האָט זיך געזאָלט פון איהר ארויסוועבען אין גאנג פון איהר ענטוויקלונג. איך זוך פאָרש און פרעג, ביז ענדליך ס'הייסט מיר ווער אין שפּיגעל פון צייט אריינקוקען און ביי איהר ביי דער „מאדאם צייט" — פרעגען דעם ווירקליכען „זין" פון מיין „זיין".

כ'האָב אין שפּיגעל פון דער צייט מיט מיינע אויגען זיך איינגעגעסען, און וואו נאָר איך האָב זיך מיט מיין פראגע צו איהר — דער „מאדאם צייט" — זיך געווענדעט, האָט מיר ווער אריינגעפיהרט אין לאנד פון דער צוקונפט, אין וועמענס ברילען מ'האָט מיר געהייסען אריינקוקען, און דורך וועלכע איך האָב פאָלגענדעס געזעהען:

א שווארצע טוידטע קאלטע שטילקייט הערשט ארום און ארום, און דער פוילער ריח פון טויט דערטראָגט זיך „עד לב השמים"; דער טיפעל, וואָס אין שווארצען איינגעהילט, שטעהט מיט גאוה ביים שוועל פון דיעזער וועלט פון טוידט, און שליידערט אריין, אָהן רחמנות און אָהן איין אויפהער די קרבנות פון לעבען אין דיעזען אונענדליכען ים פון טוידט...

כ'האָב לאנג אהין ניט געקענט קוקען, ווייל מיין הארץ האָט אין מיר אנגעהויבען חלש'ן פאר שרעק, און כ'האָב די ברילען פאר כעס צו דער ערד געוואָרפען — — —

דאָס איז דער ענד ציעל פון לעבען! — — — האָט די „צייט" ענערגיש אויסרופענד צו מיר געזאָגט:

דאָס איז דער טוידט! — דער גרויסער געגענזאץ פון לעבען! און דאפיר — האָט זי מיר ווייטער געזאָגט — נוץ אויס די